בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת כי תצא תשפ"ה גליון 809 [שנה י"ז]

**דער אויבערשטער העלפט נאר ווער עס העלפט מיט אים**

לֹא תִרְאֶה אֶת חֲמוֹר אָחִיךָ אוֹ שׁוֹרוֹ נֹפְלִים בַּדֶּרֶךְ וְהִתְעַלַּמְתָּ מֵהֶם הָקֵם תָּקִים עִמּוֹ: (כב ד) שטייט אין די משנה (ב"מ דף ל"ב ע"א) עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ: (שמות כג ה) –א כפל הלשון אז– פָּרַק וְטָעַן, אֲפִילּוּ פיר אדער פינף מאל איז ער אלץ חַיָּיב צו העלפן, ווייל עס שטייט עָזֹב תַּעֲזֹב, אסאך מאל, אבער אויב הָלַךְ וְיָשַׁב לוֹ, דער בעלים גייט און זעצט זיך אוועק און זאגט הוֹאִיל וְעָלֶיךָ מִצְוָה, ווייל עס איז דיין מצוה דעריבער פְּרוֹק, דו נעם אליין אראפ די סחורה, איז ער פטור צו העלפן ווייל עס שטייט עִמּוֹ, ער איז מחוייב צו העלפן נאר אויב דער בעלים העלפט אים ע"כ, זאגט דער הייליגער קאצקער זיע"א אז דאס איז א וועג ווייזער דאס וואס עס שטייט אין גמ' (סוכה דף נ"ב ע"ב) יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּכָל יוֹם וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ שֶׁנֶּאֱמַר צוֹפֶה רָשָׁע לַצַּדִּיק וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ וְאִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁעוֹזֵר לוֹ אֵינוֹ יָכוֹל לוֹ שֶׁנֶּאֱמַר ה' לֹא יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ וְלֹא יַרְשִׁיעֶנּוּ בְּהִשָּׁפְטוֹ, אז דער אויבערשטער איז דער איינציגסטער וואס קען העלפן דעם מענטש געווינען איבער דעם יצר הרע, אבער דאס איז נאר אויב דער מענטש העלפט מיט, און הארעוועט און וויל זיך מתגבר זיין דעמאלטס העלפט אים דער אויבערשטער. (אהל תורה קאצק)

**דער חטא איז פון אפהאלטן דעם ארימאן פון קענען דאווענען ריכטיג**

בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ וְלֹא תָבוֹא עָלָיו הַשֶּׁמֶשׁ כִּי עָנִי הוּא וְאֵלָיו הוּא נֹשֵׂא אֶת נַפְשׁוֹ וְלֹא יִקְרָא עָלֶיךָ אֶל ה' וְהָיָה בְךָ חֵטְא: (כב טו) עס שטייט (עירובין דף מ"א ע"ב) עֲנִיּוּת מַעֲבִיר אֶת הָאָדָם עַל דַּעְתּוֹ וְעַל דַּעַת קוֹנוֹ, דאס מיינט עֲנִיּוּת מאכט דער מענטש נישט האבן קיין ישוב הדעת, און ממילא קען ער נישט דאווענען ריכטיג פארן אויבערשטן, קומט אויס אז דער בעל הבית איז שולדיג אין דעם, ווייל ער האט אים נישט באצאלט, איז פשט אין פסוק: בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ וְלֹא תָבוֹא עָלָיו הַשֶּׁמֶשׁ "כִּי עָנִי הוּא", ווייל ער איז א ארימאן, וְאֵלָיו די געהאלט הוּא נֹשֵׂא אֶת נַפְשׁוֹ, ערווארט פאר דעם, און יעצט אז ער האט נישט און איז א עני, דעריבער וְלֹא יִקְרָא אֶל ה' ער וועט נישט קענען דאווענען, און די סיבה איז עָלֶיךָ, ווייל דו האסט אים נישט באצאלט, דעריבער האסטו יעצט נאך א חטא, חוץ פון די מצוה פון בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ, האסט אים גורם געווען נישט צו קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין. (אמרי שפר הגאון רבי שלמה קלוגער)

[דאס צו מבאר זיין, דער גאון איז געווען שווער די אריכות אין פסוק ווייל באמת אויב די תורה וויל זאגן אז מען דארף צאלן אין דעם זעלבן טאג, וואלט נאר געדארפט שטיין בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ וְלֹא תָבוֹא עָלָיו הַשֶּׁמֶשׁ כִּי עָנִי הוּא וְהָיָה בְךָ חֵטְא? אויך איז שווער אז עס וואלט געקענט נאר שטיין וְלֹא יִקְרָא אֶל ה', פארוואס שטייט עָלֶיךָ? אבער לויט דעם מהלך איז זייער שיין פארענטפערט די דיוקים, און אויך פארוואס שטייט פונקט ביי דעם מצוה וְהָיָה בְךָ חֵטְא, און נישט ביי אנדערע מִצְוֹת? נאר דער חֵטְא מיינט נישט נאר פון בְּיוֹמוֹ תִתֵּן שְׂכָרוֹ נאר עס קומט מוסיף זיין א חֵטְא פון וְלֹא יִקְרָא עָלֶיךָ אֶל ה', אפהאלטן דער עני פון דאווענען ווי עס דארף צו זיין. (שמח זבולון תשפ"ה) ]

**מקבל זיין צו טאהן א דבר מצוה איז א גאר חשובע נדר**

כִּי תִדֹּר נֶדֶר לַה' אֱלֹקֶיךָ לֹא תְאַחֵר לְשַׁלְּמוֹ כִּי דָרֹשׁ יִדְרְשֶׁנּוּ ה' אֱלֹקֶיךָ מֵעִמָּךְ וְהָיָה בְךָ חֵטְא: וְכִי תֶחְדַּל לִנְדֹּר לֹא יִהְיֶה בְךָ חֵטְא: מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר וְעָשִׂיתָ כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ לַה' אֱלֹקֶיךָ נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּפִיךָ: (כ"ג כ"ב –כ"ד) ערשטנס דארף מען פארשטיין אז עס שטייט שוין פריערט כִּי תִדֹּר נֶדֶר לַה' אֱלֹקֶיךָ "לֹא תְאַחֵר לְשַׁלְּמוֹ" מיינט דאס אז מען מוז מקיים זיין וואס מען האט מנדר געווען, אויב אזוי פארוואס שטייט נאכאמאל מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר וְעָשִׂיתָ כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ לַה' אֱלֹקֶיךָ? [אגב די גמ' (ר"ה דף ו' ע"א) אויפן דרש אז דער מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ איז א עשה, און דער תִּשְׁמֹר איז א לא תעשה כדי עס זאל זיין א עשה און א לא תעשה, אויב מען טוט נישט וואס מען האט מנדר געווען, אויף דעם פרעגט די גמ' אז דער לא תעשה קען מען לערנען פון לֹא תְאַחֵר לְשַׁלְּמוֹ? עיי"ש באריכות. המו"ל] נאך א דיוק: פארוואס שטייט וְעָשִׂיתָ "כַּאֲשֶׁר" נָדַרְתָּ, און נישט וְעָשִׂיתָ "אֲשֶׁר" נָדַרְתָּ? נאך א שווערקייט, וואס מיינט אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ "בְּפִיךָ", א וודאי רעדט מען מיט די פִּיךָ, וואלט געווען גענוג צו שרייבן נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ? נאר מען וואלט געקענט דאס אלעס פארענטפערן ווייל עס שטייט אין די גמ' (נדרים דף ח ע"א) **וְאָמַר רַב גִּידֵּל אָמַר רַב הָאוֹמֵר אַשְׁכִּים וְאֶשְׁנֶה פֶּרֶק זֶה אֶשְׁנֶה מַסֶּכְתָּא זוֹ נֶדֶר גָּדוֹל נָדַר לֵאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל,** זעהט מען אז אפילו מען האט נישט ארויס געזאגט מיט א לשון נדר, אבער ווען מען איז מקבל אויף זיך צו טאהן א דבר מצוה, הייסט דאס א נֶדֶר גָּדוֹל, מיט דעם איז הפלא דער גאנצע פסוק: מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר, דאס ארויס זאגן פון דיין מויל א קבלה לדבר מצוה, זאלסטו היטן שטארק, ווייל "כַּאֲשֶׁר" נָדַרְתָּ, עס איז אזוי ווי דו האסט געזאגט מיט א לשון נדר, און נישט סתם א נדר, נאר כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ "לַה' אֱלֹקֶיךָ", און די חידוש איז אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ "בְּפִיךָ", אפילו דו האסט נאר ארויס גערעדט פון מויל א לשון נדר, ממילא איז פארענטפערט די "כַּאֲשֶׁר", ווייל עס איז נאר אזוי ווי א לשון נדר, און אויך גוט די לשון בְּפִיךָ, וואס עס איז נישט געווען א לשון נדר, איז דאס זייער חשוב. (אהל יצחק – רבי יצחק חאסון)

כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ: (כב, ח) שטייט אין מדרש תנחומא (פ' בראשית ג) הבונה בית חדש כיצד צריך לברך, כך שנו רבותינו הבונה בית חדש צריך לברך שהחיינו כדי לעשות נחת רוח ליוצרו. דארף מען פארשטיין וואס מיינט דער מדרש אז מען בויט א נייע הויז מאכט מען א שהחיינו כדי צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן, ווען יעדע מצוה איז מען דאך מקיים צו מאכן א נחת רוח? נאר באמת ווען א מענטש בויט א הויז און האט נישט אינזינען צו מאכן מִצְוֹת אין דעם הויז, פאסט דאך נישט א שהחיינו, ווייל דער בויען איז נישט א נחת רוח, דעריבער זאגט דער מדרש אז עס זאל זיין דיין כוונה מיטן בויען, אז וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ: ממילא מאכסטו א נחת רוח מיטן בויען און דעריבער זאלסטו מאכן א שהחיינו. (כתב סופר) וואלט מען געקענט צושטעלן און מרחיב זיין לויט וואס מיר האבן געברענגט אין פרדס יהודה פ' ראה: אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם, דער אויבערשטער גיט א מענטש א הויז כדי ער זאל מאכן א מעקה און נאך מִצְוֹת, ווייל דער אויבערשטער וויל אז דער מענטש זאל מאכן מִצְוֹת מיט די זאך וואס ער באקומט, דאס מיינט אֶת הַבְּרָכָה, אז דער אויבערשטער גיט דיר די ברכה, אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ, זאלסט מאכן א מצוה מיט דעם, קען מען צולייגן אז דער ברכה פון שהחיינו איז אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ, אזוי ווי דער מדרש תנחומא זאגט, און דאס שטייט אין פסוק כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ, אויב דו ווילסט א ברכה אין דיין הויז, זאלסטו דאס בויען מיט די כוונה אז וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ. (שמח זבולון תשפ"ה) ]



הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

## מדור העובדות

### ***** דער הייליגער זיכלינער האט רחמנות און היילט אויס א פאראלאזירטער איד און אויך קענען חתונה מאכן זיינע קינדער *****

הרה"ק רבי שמואל אבא זיכלינסקי מזיכלין זצ"ל מחבר ספר להב אש, (כ"ו אלול תרל"ט) איז געבוירן צו זיין טאטן הר"ר זעליג און זיין מאמע הצדיקת מרת יוטל שנת תק"ע. (ר' זעליג איז בן הר"ר יצחק ז"ל און מרת דבורה די טאכטער פון הרה"ק רבי אפרים פישל מסטריקוב זצוק"ל (תק"ג- י"ז טבת תקפ"ה) א תלמיד פון הייליגן מגיד ממעזריטש, און פון הר' אלימלך מליזענסק, און פון הר' לוי יצחק מבארדיטשוב זצוק"ל. זיינע תלמידים זענען: הר' אברהם לאנדא מטשעכנוב, הר' בונם מפשיסחה, און הר' שלמה מראדאמסק דער "תפארת שלמה".) רבי שמואל אבא האט געפירט אדמורו"ת אין זיכלין און געווען דער ממשיך פון זיין הייליגן זיידן דער סטריקובער, ער איז געווען א פועל ישועות און אסאך חסידים זענען געפארן צו אים.

אמאל האט דער גרויסער גביר און זיכלינער חסיד, ר' ליב קאשמערק, געקויפט א גרויסער הויז מיט א שיינע גארטן לעבן שטאט בערזאן און האט געמאכט א חנוכת הבית, און האט איינגעלאדנט דעם רבין צו קומען באטייליגן ביי די סעודה, ווען עס איז באקאנט געווארן, האבן זיך פארזאמלט הונדערטער ארעמעלייט און חסידים צו באקומען צדקה פון דעם גביר און א ברכה פון רבין.

אין שטאט טאמאשוב, איז געווען א איד וואס איז ליידער געווען פאראלאזירט און געווען קראנק צוועלף יאר ל"ע, דער איד האט פארדינט שיין ביז ער איז קראנק געווארן, און איז געצוואונגען געווארן צו נעמען נדבות אויף צו לעבן, ער האט געהאט עלטערע זין, און עס איז נישט געווען קיין געלט פאר זיי צו חתונה מאכן און צו דער צו האבן זיי געפילט אן אחריות אז זיי דארפן העלפן זייער אומבאהאלפענער טאטע וואס איז געווען פאראלאזירט און האט נאר געקענט רעדן, דער חולה האט געהערט אז דער גביר וועט טיילן געלט און דער רבי פון זיכלין וועט אויך זיין, האט ער געבעטן זיינע קינדער זיי זאלן אים נעמען דארט און אזוי וועט ער באקומען א נדבה און אויך א ברכה פאר א רפואה.

אבער די קינדער האבן אים פרובירט אפצורעדן ווייל עס וועט זיין א גרויסע שטופעניש און עס וועט זיין א סכנה פארן טאטן, אבער ער האט שטארק געבעטן און געוויינט פאר זיי, אז מען זאל טרעפן א וועג אז עס זאל קענען ווערן, און זיי האבן אים גענומען מיט א וואגן, אבער אנקומענדיג דארטן האט מען טאקע געזען הונדערטער מענטשן וואס שטופן זיך, און עס וועט זיין אומעגלאך אנצוקומען צום רבין.

די קינדער האבן געלאזט די וואגן מיטן טאטן אין א זייט און זיי זענען אריין צו די סעודה, ווען זיי האבן געהערט אז דער זיכלינער רבי פלאנט צו גיין באלד אויף א שפאציר אין די פראכטפולע גארטן, און זיי זענען געגאנגען דערציילן זייער טאטע פון דעם, און מען האט אים ארויסגענומען פון וואגן און אים געלייגט ביים טויער פון אריינגאנג צום גארטן, וואו דער רבי וועט באלד דורכגיין, ווייל דארטן וועלן צופיל מענטשן נישט גיין, און אזוי קענען באקומען א ברכה.

מעןווארט און ווארט ביז מען זעהט פון דערווייטענס אז דער רבי גייט ארויס פון הויז אויפן וועג צום גארטן, דער חולה ליגט אויפן ערד ביים טויער, און ער פאנגט אן שרייען אז דער רבי זאל רחמנות האבן אויף אים אז ער איז שוין צוועלף יאר פאראלאזירט, און ער האט נישט קיין געלט אויף צו לעבן און צוליב אים האבן זיינע קינדער נישט חתונה!

ר' ליב קושמערק איז געגאנגען פאראויס פון רבין אין גארטן און ווען ער האט געהערט די געשריי פון דעם חולה, האט ער באקומען א שטארקע רחמנות געפיל אויף אים, אבער פון די אנדערע זייט האט ער נישט געוואלט אז דער רבי וואס איז געקומען נאר צוליב אים זיך משתתף זיין אין זיין שמחה, זאל באקומען חלישת הדעת, און אויך האבן טענות אויף אים, האט ר' ליב ארויס גענומען א גרויסע סכום פון געלט און געזאגט פארן חולה אז דער רבי וועט האבן עגמת נפש אויב ער וועט אים זעהן, דעריבער בעט ער אים ער זאל נעמען די געלט, און ער וועט אליין בעטן דעם רבין זאל אים געבן א ברכה, דער חולה האט גענומען די געלט און געבעטן די קינדער זאלן אים צוריק אריינלייגן אין וואגן.

ר' ליב האט געווארט ביז דער חולה איז אוועק פון די וועג און ער האט מזכיר געווען פארן רבין דעם חולה, און צום וואונדער פון ר' ליב זאגט דער רבין אז ער וויל גיין זען דעם חולה, און ווען דער רבי האט געזען דעם צושטאנד פון חולה האט ער רחמנות געהאט און פרעגט דעם חולה וואס איז מיט אים און געבעטן זיין נאמען און מאמע'ס נאמען, און דער רבי האט דאס אראפגעשריבן.

ר' ליב איז געווען צופרידן אז דער רבי האט נישט געהאט קיין טענות נאר אדרבה וויל אים גאר העלפן, דער רבי קוקט אין צעטיל און רופט זיך אן: יעדן אות און נקודה וואס שטייט אין תורה שבכתב און תורה שבעל פה, ליגט אין דעם סודות ביז סוף כל הדורות, און ווען די גמ' ברענגט די מעשה (ברכות דף ה ע"ב) רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא חֲלַשׁ, ער איז געווען קראנק און רַבִּי יוֹחָנָן איז אים געקומען מבקר חולה זיין און געזאגט הַב לִי יְדָךְ גיב מיר דיין האנט, יְהַב לֵיהּ יְדֵיהּ וְאוֹקְמֵיהּ, און ער האט אים אויסגעהיילט, ליגט אין דעם סודות וואס מען קען נוצן ביז ענדע פון די דורות, און מען קען ממשיך זיין רפואות פון דעם.

און אויב עס איז דא פאר אונז א חולה, לאמיר טאן דאס זעלבע, מען וועט אנכאפן זיין האנט און אים אויסהיילן, און דער רבי גייט צו צום חולה און כאפט אן זיין האנט און זאגט אים שטארק זיך און קום מיט מיר גיין א שפאציר, און דער חולה איז אויפגעשטאנען און אנגעפאנגען גיין מיטן רבין, די פרייד ביי די קינדער און ביי ר' ליב איז געווען א העכערע פרייד, זעהענדיג ווי דער רבי האט געבראכן די טבע, און האבן גענומען וויינען פון גרויס התרגשות, דער רבי שפאצירט מיטן איד אזוי ווי גארנישט וואלט אים געפעלט! דער רבי האט אים געהייסן שנעל ארויסגיין פון גארטן און אהיים גיין, דער איד מיט זיינע קינדער זענען געפאלן צום פיס פון צדיק און אים געדאנקט, און זענען אהיים, און דער רבי האט געזאגט אז ער וויל אויך גיין ווייל ער וויל נישט אז דער עולם זאל זיך דערוויסן וואס ער האט געטאן, יארן שפעטער האט מען דערציילט די מעשה, און דער איד האט יעצט געהאט געלט צו קענען חתונה מאכן זיינע קינדער און ער איז צוריק געגאנגען צו זיינע געשעפטן, זיע"א. (ספר להב אש זיכלין)


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

ירושלמי דפוס זיטאמיר מצב מפואר כריכת עור מעיר סאטמאר לפני המלחמה נייר לבן, חסר קצת מהשער של זרעים $4000 ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות ארוכות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $3000 מהר"ם שיק עם חתימת וחותמת הגאון ר' אליעזר צוקער מבערגסאז עם ב' הגהות ממנו $3500 ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750 כרתי ופלתי אלטונא דפוס ראשון $500 ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר ים של שלמה דפו"ר עם חתימת הגאון ר' בונם ב"ר משה איגר $2000 אבני מילואים דפו"ר ח"ב מצב מפואר חתימת ר' יוסף דוד כהנא $1600 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $8500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת עם הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 מגן אבות קאפוסט דפוס ראשון שבעה חלקים $1500 חומש תורה תמימה ד' חלקים הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 חיי אדם זיטאמיר $800 אדמור"י מלכות בית טשערנאביל $500 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר צדקת יוסף עם הקדשת הרבי מפיטטסבורג הר"ר מרדכי זצ"ל $500 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $5000 מכתב מתלמידי ישיבת חכמי לובלין תש"א מתחננים לבנות מחדש הישיבה מתארים הגדלות של רבי מאיר שפירא והתמדת התורה של התלמידים חתימות הגה"ק בעל שבט הלוי, הגה"ק ר' אלימלך אשכנזי מאלעסק, הגאון ר' יצחק פלאקסער והגאון ר' מנחם מונדרר $3000 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY

11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website www.seforimworld.com מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש אויך אלטע געלט